# א מעשה'לע

גליון א' | פרשת כי תשא תשפ"ו

וועכענטליכע גליון
געאייגנט פאר קינדער

## מִיט מִקְוֶה
## פַארְרֶעכְט מֶען אַלֶעס

”מֶען דַארְף זֶען עֶפֶּעס צוּ טוּן, מֶען טָאר דָאס נִישְׁט צוּלָאזְן אַז רֶבִּי נָתָן זָאל גֵיין זִיךְ טוֹבֵלְ'ן יֶעצְט וִוינְטֶער אִין דִי אַייזִיגֶע טַייךְ, סְפֶּעצִיעֶל דִי יָאר, שְׁנַת תר"ה, וָואס עֶס הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרָאסְט אִין אוּקְרֵיינֶע, עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעוֶוען אַזַא קַאלְטֶע וִוינְטֶער, אוּן אוּנְזֶער רֶבִּי רֶבִּי נָתָן אִיז שׁוֹין נִישְׁט קֵיין אִינְגֶערְמַאן, עֶר אִיז פִינְף אוּן זֶעכְצִיג יָאר, אוּן עֶר פְּלַאנְט צוּ גֵיין שַׁבָּת צוּפְרִי זִיךְ טוֹבֵלְ'ן אִין טַייךְ”.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, גֶעוֶוען אִיז דִי מַעֲשֶׂה צְוֵויי וָואכְן אֵיידֶער רֶבִּי נָתָן אִיז אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נַייעֶס אַז דִי דַאךְ פוּן דִי




דוּרְךְ מִקְוֶה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן

מִקְוֶה אִיז אַייְנְגֶעפַאלְן, פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס הָאט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב גֶעשְׁמוּעֶסְט: ״וָואס וֶועט מֶען טוּן מָארְגְן, שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי? מֶען וֶועט נִישְׁט קֶענֶען נִיצְן דִי מִקְוֶה״, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט, אַז עֶר גֵייט נִישְׁט מְוַתֵּר זַיין אוֹיף זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה, עֶר אִיז גְרֵייט אֲפִילוּ צוּ גֵיין אִין דִי אַייזִיגֶע טַייךְ.

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען גֶעהֶערְט אַז דִי דַאךְ אִיז אַייְנְגֶעפַאלְן נָאר אִין דִי פָּאדֶערְשְׁטֶע צִימֶער, אוּן מֶען קֶען יָא נִיצְן דִי וַוארֶעמֶע מִקְוֶה. דֶעמָאלְט הָאט רֶבִּי נָתָן גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מִקְוֶה, אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשְׁן הָאט זִיךְ פַארְזִינְדִיגְט מִיט דִי בִּיטֶערְסְטֶע עֲבֵירוֹת, אוֹיבּ וֶועט עֶר גֵיין אִין מִקְוֶה וֶועט עֶר הָאבְּן אַ תִּקְוָה.

טַייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ, וֶוען מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה דַארְף מֶען זִיךְ אוֹיפְפִירְן זֵייעֶר אֵיידְל; אִין מִקְוֶה רֶעדְט מֶען נִישְׁט, אוּן אִין מִקְוֶה קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם, מֶען דְרֵייט זִיךְ אוֹיס צוּ דִי וַואנְט, אוּן אַזוֹי טוּט מֶען זִיךְ אוֹיס אוּן אַזוֹי טוּט מֶען זִיךְ אָן.

אַלֶע קִינְדֶער גֵייעֶן טַאנְצְן: **״אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ אַז מִיר וֵוייסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס גֵייט פַאר אוּנְז אוּן בְּרֶענְגְט אוּנְז צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן״.**

# ספר המידות

## אֱמֶת - חלק א'

א. מִי שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַד שֶׁיֵּלֵךְ בְּמַחֲשַׁבְתּוֹ מֵהֵיכָל אֶל הֵיכָל וְיִרְאֶה אֶת הַהֵיכָלוֹת בְּעֵינֵי הַשֵּׂכֶל, יִשְׁמֹר אֶת עַצְמוֹ מִלּוֹמַר שֶׁקֶר אֲפִלּוּ בְּטָעוּת.

א. וֶוער עֶס וִויל זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וַוייט אַז זַיין מַחְשָׁבָה זָאל גֵיין פוּן אֵיין הֵיכָל צוּם צְוֵוייטְן, מִיט זַיין מֹחַ אוּן שֵׂכֶל זָאל עֶר מַמָּשׁ זֶען אַלֶע הֵיכָלוֹת; זָאל זִיךְ זֵייעֶר אָפְּהִיטְן פוּן צוּ זָאגְן לִיגְנְט, אֲפִילוּ נָאר בְּטָעוּת.



## גיב א שמייכל

מ'האט דערפון צוויי,
מ'קאכט מיט זיי, ווען
מ'געבט עס א קניפ טוט
עס וויי. וואס איז עס?

בעקעלעך...

## קול ברסלב

**212.444.9191**

**845.351.0910**

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל: breslevcenter@gmail.com